View in browser

קניידל
טעגליכע פאָרציע נייעס.

מיטוואך שלח - כ"ב סיון תשפ"ה
קניידל #428

קניידל אבזערוואציעס

לעצטע אנטוויקלונגען פון מדנ"י / איראן קריג

מיטל מזרח - די מדנ"י אפעראציע קעגן איראן וועט זיך נישט ענדיגן ביז עס וועט עלימינירט ווערן די געפאר פון איראן'ס נוקלעארע פראגראם און אירע באליסטישע מיסילס, האט געמאלדן דער איי-די-עף ספעציעלע אפעראציע גענעראל עודד בסיוק, אבער האט נישט אנגעגעבן א צייט-פלאן.

"מיר אטאקירן דעם טעראר רעזשים, נישט די מענטשן וואס פארדינען א בעסערע צוקונפט. די וואס שטעלן אונז אין געפאר זענען די פירערשאפט אין טעהראן, נישט די מענטשן וועלכע שפאצירן אויף די גאסן פון שיראז," זאגט בסיוק.

זינט אנהייב קריג האט מדנ"י שוין פארניכטעט איבער 200 באליסטישע מיסילס ארויסשיסער, וואס איז א באדייטנדער טייל פון איראן'ס ארסענאל, לויט די מיליטער.

א מדנ"י מיליטערישע באאמטע וואס האט גערעדט אונטער אנאנימיטעט זאגט אז די מיליטער האט נישט געצילט איראן'ס פארדו אונטערערדישע נוקלעארע איינריכטונג אויס פארזיכטיגקייט צו פארמיידן א נוקלעארע קאטאסטראפע מיט אירע אטאקעס, אבער זאגט אז דאס קען פאסירן אין די קומענדיגע טעג.

טראץ וואס די מדנ"י לופט-פלאטע האט געטראפן און פארניכטעט פילע איראנער לופט-פארטיידיגונג, זאגט די מיליטער אז פליען אין איראן איז נאך נישט אן ריזיקעס.

דער מדנ"י אמבאסאדאר צו אמעריקא יחיאל לייטר זאגט אז מדנ"י "האט עטליכע איבערראשונגען אין די ארבל" אין דעם קאמף קעגן איראן, און אז "מיר האבן געוויזן א צאל איבערראשונגען - ווען דער שטויב וועט זיך בארוהיגן - וועט מען זעהן פרישע איבערראשונגען וואס וועלן מאכן די ביפער אפעראציע אויסזעהן פשוט."

דער דייטשער קאנצלער מערץ האט אויסגעדרוקט שטארקע שטיצע פאר מדנ"י אין איר קריג קעגן איראן, זאגנדיג אז "דאס איז די שמוציגע ארבעט וואס מדנ"י טוט פאר אלע פון אונז. מיר זענען אויך פיינט פון די רעזשים."

די מדנ"י ענערגיע מיניסטעריום האט געמאלדן אז בירגער זאלן נישט זיין באזארגט איבער א מאנגל פון ברענשטאף, זאגנדיג אז זי איז געווען צוגעגרייט פון פאראויס פאר די סיטואציע, און עס איז פאראן גענוג ברענשטאף-רעזערוון.

איראן'ס סייבער-זיכערהייט אויטאריטעט האט פארבאטן רעגירונג באאמטע פון זיך באנוצן מיט סיי וואספארא אפאראטן וואס איז פארבונדן צום אינטערנעט, צוליב זארג אז מדנ"י וועט דאס נאכפאלגן און נוצן פאר שפיאנאזש.

א העקער'ס גרופע באקאנט אלס "רויבער-שפערל" מיט א היסטאריע פון סייבער-אטאקעס קעגן איראן האט געמאלדן אויף סאציאלע מידיע אז זי האט פארניכטעט די דאטא פון איראן'ס רעגירונג-געפירטע באנק 'סעפאה'.

טראמפ דיסקוסירט מיט ראטגעבער מעגליכקייט זיך צו אנשליסן אין קריג קעגן איראן

וואשינגטאן - פרעזידענט טראמפ האט זיך נעכטן געטראפן מיט זיין נאציאנאלע זיכערהייט מאנשאפט אין דעם ווייסן הויז סיטואציע צימער פאר א זיצונג וואס האט געדויערט איבער א שעה צו דיסקוסירן די ווייטערדיגע צוגאנג פון אמעריקא איבער די מדנ"י איראן קריג.

עטליכע טראמפ אדמיניסטראציע באאמטע האבן געזאגט נאך די זיצונג אז טראמפ באטראכט ערנסט זיך צו אנשליסן אין די קריג, איבערהויפט די מעגליכקייט צו באמבאדירן די איראנער אונטערערדישע אוראניום באריייכערונג איינריכטונג אין פארדאו.

די נייעס קומט אין א צייט פון וואקסנדע שפעקולאציעס אז אמעריקא וועט אנהייבן אקטיווע אטאקעס קעגן איראן. צווישן אנדערע האט טראמפ געשריבן אויף סאציאלע מידיע אז ער ווייסט וואו דער איראנער סופרים פירער געפונט זיך, אבער וועט אים נישט הרגענען "פאר יעצט." טראמפ האט אויך געשריבן אז "מיר" האבן פולקאמע קאנטראל פון די הימלען העכער איראן, און אז "קיינער טוט דאס נישט בעסער ווי די גוטע אמעריקאנער."

מדנ"י לופטליניעס גרייטן זיך צו צוריקברענגען געשטראנדעטע בירגער

מדנ"י - די מדנ"י טוריזם מיניסטעריום האט געמאלדן אז טוריסטן וואס זענען געבליבן געשטראנדעט אין לאנד קענען זיך רעגיסטרירן פאר ספעציעלע קאארדינירטע פליגער קיין אויסלאנד. עס זענען יעצט דא ארום 38,000 טוריסטן אין לאנד, זאגט די מיניסטעריום.

די מדנ"י לופטליניע אל-על האט געמאלדן אז זי וועט אנהייבן פליגער רייזעס אנגעהויבן היינט מיטוואך פון גריכלאנד, איטאליע, שפאניע און פראנקרייך.

די מדנ"י לופטליניע ארקיע האט געמאלדן אז זי וועט אנהייבן פליגער רייזעס אנגעהויבן היינט מיטוואך צו אהיימברענגען געשטראנדעטע בירגער פון גריכלאנד, קפריסין און מאנטענעגרא.

אזוי אויך האט די מדנ"י לופטליניע ישראייר געמאלדן אז זי וועט אנהייבן פליגער רייזעס היינט מיטוואך צו אהיימברענגען געשטראנדעטע בירגער פון קפריסין, גריכלאנד און בולגאריע, נאכפאלגענדיג ערלויבעניש פון לאקאלע אויטאריטעטן.

קניידל ביסן

מיטל מזרח - ארגאנייזירער פון די 'גלאבאלע מארש צו עזה' וועלכע זענען אנגעקומען ביים רפיח אריבערגאנג ביים גרעניץ צווישן עגיפטן און עזה זאגן אז דריי באטייליגטע זענען געכאפט געווארן דורך פאליצי אפיצירן אין קאירא, עגיפטן צווישן א כוואליע פון ארעסטן. און זענען ברוטאל צושלאגן געווארן פון וואס זיי האבן געליטן שווערע וואונדן.



רוסלאנד - א מאסקווע געריכט האט באשלאסן צו איבערגעבן פאר די רעגירונג די פארמעגן פון דעם דריט גרעסטע לופטפעלד אין לאנד, מאסקאווע דאמאדעדאווא. די לופטפעלד איז געווען אונטער די אייגנטום פונעם רוסישן ביזנעסמאן דמיטרי קאמענשטשיק וואס פארמאגט אויך בירגערשאפט אין נאך לענדער. די געריכט האט אוועקגענומען זיין אייגנטום צו "באשיצן די לאנד פון אויסלענדישע איינפלוס."

דייטשלאנד - צענדליגער קאמערציעלע טרעקלעך פון עמעזאן און פון א דייטשע טעלעקאמיוניקאציע פירמע זענען געווארן אונטערגעצונדן נעכטן פארטאגס אין באזונדערע פייערן ארום דייטשלאנד. א גאר-לינקע אנטי-קריג גרופע האט גענומען פאראנטווארטליכקייט איבער די אטאקעס אין א סאציאלע מידיע מעסעדזש. פאליציי זאגט אז די ארסאן אטאקעס זענען פאליטיש מאטיווירט.

צפון קארעא - דורכאויס א באגעגעניש אין פיאנגיאנג צווישן דער רוסישער זיכערהייט קאנסיל סעקרעטער סערגעי שויגו און דער צפון קארעאנער דיקטאטאר קים יאנג און, האט קים יאנג און פארשפראכן אז זיין לאנד וועט שיקן טויזנטער מיליטערישע קאנסטרוקציע ארבעטער צום רוסישער קורסק ראיאן ארויסצוהעלפן מיט די בוי ארבעט נאכפאלגענדיג די אינוואזיע דורך די אוקראינישער מיליטער.

טייוואן - די מיליטער פון טייוואן האט נעכטן דורכגעפירט א סוקסעספולע פראבע אויף איר ערשטע-אנטוויקלטער סובמארין, א גאר גרויסע שריט אין אן אמביציעזן פראיעקט צו פארבעסערן די לאנד'ס מעגליכקייטן זיך צו פארטיידיגן אין פאל פון כינעזער אגרעסיע.

כינע - א אויפרייס אין א פייערווערק פאבריק אין דער דרום כינעזער הונאן פראווינץ האט אומגעברענגט ניין מענטשן און פארוואונדעט 26 אנדערע, לויט א מעלדונג דורך לאקאלע אויטאריטעטן. ווידיאוס ארויסגעגעבן דורך רעגירונג-געפירטע מידיע ווייזט איבער פייערווערק וועלכע האבן נאכאנאנד אויפגעריסן, מאכנדיג שווער פאר פייערלעשער צו פארלעשן די ווילדע פייער.

דברי התעוררות נוקבים לנוכח המצב

מה חובתו של כל איש ישראל בעת הזאת

מהרה"ק מצאנז קלויזענבורג זי"ע

מתוך שיעור חורש"י פרשת בהעלותך תשמ"ב

בעת המלחמה בגבול הלבנון בא"י

צו זעהן קליקט דא

ווי קען זיך א איד
גיין לייגן אין בעט אריין שלאפן?
עס ישראל נתונים בצרה ובשביה
בין בים ובין ביבשה!
המקום ירחם עליהם!
וכי איך יכול יהודי
לילך ולשכב במטה לישון,
[כאשר] ישראל נתונים בצרה ובשביה
בין בים ובין ביבשה המקום ירחם עליהם

צו דאונלאודן די דברות קודש בכתב **דריקט דא**
צו הערן דורכ'ן טעלעפאן
רופט: 718.689.1363
ארה"ק: 0723982560
נ.ב להשיג שאר הקלטות, ווידיאו'ס מד"ת של רביה"ק מצאנז קלויזענבורג זי"ע
שנערכו ע"י ידינו נא לשלוח אימייל לכתובת: באוצר החיים:
oitzerchaim@gmail.com

פינאנציעלע קניידל

ריטעיל סעילס איז געפאלן אין מאי, א צייכן אז איינקויפער צוימען איין שפענדונג



ריטעיל סעילס איז געפאלן מיט 0.9% אין חודש מאי אין פארגלייך צו א חודש פריער און געשטיגן מיט 3.3% פון די זעלבע צייט פאריאר, לויט א פרישע קאמערץ דעפארטמענט באריכט. דאס איז די גרעסטע פאל זינט יאנואר און ערגער ווי די 0.6% פאל וואס עקאנאמיסטן האבן ערווארטעט.

די שלעכטע ציפער קומט אין א צייט פון עקאנאמישע אנגעצויגנקייט און טאריף זארגן, און איז געטריבן מערסטנס צוליב קאר פארקויפונגען וואס זענען געווען זייער שוואך.

די סאציאלע מידיע ריז מעטא וועט אנהייבן שטעלן עדווערטייזמענטס אין די 'וואטסעפ' געשפרעכן פלאטפארמע, אין א פרואוו צו ברענגען פארד'ינסטן פאר די פירמע פון די פלאטפארמע מיט ביליאנען באנוצער. מעטא האט אפגעקויפט וואטסעפ אין 2014 פון די גרינדער, וועלכע האבן פארשפראכן קיינמאל צו לייגן עדס.

12:00
TRUMP
MOBILE
Make America Great Again
T1

די טראמפ ארגאניזאציע האט געמאלדן איבער א נייע סמארטפאון וואס זי וועט אנהייבן פארקויפן שפעטער די יאר פאר $499. די פאון וועט האבן א גאלדענע בייטל מיט א איינקריצונג פון די אמעריקאנער פאן. ווי אויך וועלן זיי ארויסשטעלן ניי "טראמפ" סעלפאון סערוויס פאר $47 א חודש.

CASH BOOST
Affiliated with a team of professional accountants
INCREASE YOUR BUSINESS CASH FLOW WITH PRECISE LOANS AND LINES OF CRE
OUR IN-HOUSE CPA'S AND CREDIT PROFESSIONALS WILL ENSURE THAT YOUR APPLICATION IS APPROVED AND THAT YOU RECEIVE MAXIMUM FUNDS.
Levy Leifer
Business Funding Specialist
FUNDI
Business Loans - Lines Of Credit
347.455.8536
Levy@fundipros.com

געזונטע קניידל

היינץ וועט עלימינירן 'ארטיפישל קאלארינג' פון אירע אמעריקאנער פראדוקטן

די עסן ריז "היינץ" האט געמאלדן אז זי וועט עלימינירן געוויסע 'ארטיפישעל קאלארינג' פון אמעריקאנער פראדוקטן, וואס נעמט אריין מעדיצינען, עסן און קאסמעטיקס, ביז ענדע יאר 2027.

היינץ, איינס פון די גרעסטע עסן און געטראנק פירמעס אין אמעריקא, האט געמאלדן די שריט נאך וואס דער אמעריקאנער געזונט און מענטשליכע סערוויסעס סעקרעטער קענעדי האט פארבאטן עטליכע סארטן ארטיפישעל קאלארינג אונטער די "מאך אמעריקא געזונט נאכאמאל" איניציאטיוו.

געריכט געאורטיילט פרישע קלאפ פאר ראבערט עף. קענעדי'ס אגענדע

הונדערטע פארשער וועמענס שטודיעס זענען געווארן אפגעשטעלט דורך די טראמפ אדמיניסטראציע וועלן ווידער אנהייבן צו ארבעטן נאך א פעדעראלע ריכטער האט מאנטאג פאראדנעט די רעגירונג צו ווייטער באצאלן פאר זייערע ארבעט.

די אורטייל איז א פרישע קלאפ פאר דער געזונט און מענטשליכע סערוויסעס סעקרעטער קענעדי' וואס האט אפגעשטעלט די שטודיעס און געשניטן ארום $3.8 ביליאן אין פאנדינג פאר אמעריקאנער אינסטיטוציעס.

כ'וויל אים
שוין זאגן
צוויי יאר
אבער א מחותן קען זיין זייער הייקל.
לאמיר עס אויסארבעטן
מסכים
845.751.9521

לאקאלע קניידל

ניו יארק סיטי מעיאר קאנדידאט לענדער ארעסטירט אין אימיגראציע געריכט געביידע

ניו יארק סיטי - פעדעראלע אייס אגענטן האבן ארעסטירט דעם ניו יארק סיטי קאמפטראלער און מעיאר קאנדידאט בראד לענדער ווען ער האט געשטערט די אגענטן אינמיטן אויפפירן אן ארעסט אויף א אימיגראנט אין א פעדעראלע געריכט געביידע.

לענדער האט אנגעבליך געפאדערט פון די אפיצירן צו ציגן א געריכטליכע ארעסט ערלויבעניש קעגן א אימיגראנט, אין אנהייב האבן די אפיצירן אים איגנארירט, אבער נאך א קורצע פיזישע געראנגל האבן זיי אים ארעסטירט און אוועקגעפירט.

נייע אנקעטע צייגט אז מעיאר פארמעסט וויילער זענען קעגן גאר-לינקע אגענדע

ניו יארק סיטי - א נייע מאנהעטן אינסטיטוציע אנקעטע ארויסגעגעבן נעכטן שטעלט א פרישע בילד פאר די דעמאקראטישע פריימערי פארמעסט קומענדיגע וואך: דער געוועזענער גאווערנער קאומא פארמאגט א ברייטע איבערהאנט איבער אסעמבלימאן מאמדאני, מיט וויילער וואס האבן אויסגעדרוקט דאס מערסטע זארג איבער פארברעכן, אימיגראציע, און הימלאזיגקייט, און זענען קעגן די עקסטרעם-לינקע צוגאנג צו די פונקטן.

די אנקעטע שטעלט קאומא פאראויס פון מאמאני 56% צו 44%. קאומא דאמינירט צווישן שווארצע און היספאנישע וויילער, מאמדאני דאמינירט צווישן יונגע קאלעדזש גראדואירטע צווישן 18-34 יאר.

אידישע קניידל

נייע געזעץ פארבאט סעניטאציע דעפארטמענט שטראפן נאך 3:00 פרייטאג מיטאג צו באשיצן אידן

אין א מאסיווע געווינס פאר רעליגיעזע פרייהייט, האבן אסעמבלימאן שמחה אייכענשטיין און סענאטאר סעם סוטאן געמאלדן אז עס איז אריבער א געזעץ וואס פארבאט דעם סיטי סאניטאציע דעפארטמענט צו פארטיילן שטראפן נאך 3:00 נאכמיטאג פרייטאג.

די געזעץ קומט נישט לאנג נאך א שטאטישע רעגולאציע וואס פארלאנגט פון איינוואוינער צו ארויסלייגן מיסט נאך 8:00 פארנאכט צו באקעמפן די ראטן קריזיס, אבער אצינד וועט די נייע געזעץ באשיצן אידן פון באקומען א שטראף פאר'ן האלטן שבת.

אגודת ישראל באגריסט רעגירונג שטייער קרעדיט געזעץ וואס וועט העלפן עלטערן מיט עדיוקאציע אויסגאבן

Agudath Israel of America

רב אבי שנאל, דער דירעקטאר פון די עדיוקאציע איינגעלעגנהייטן אפטיילונג פון אגודת ישראל פון אמעריקא, האט באגריסט די פלענער ארויסגעשטעלט דורך די סענאט פינאנץ קאמיטע איבער א באדייטנדע $4 ביליאן יערליכן שטייער קרעדיט אריינגעשטעלט אין פרעזידענט טראמפ'ס "איין גרויסע און שיינע ביל".

עלטערן וועלן קענען נוצן די קרעדיט פאר פריוואטער שולע אויסגאבן - א שריט וואס וועט שטארק ארויסהעלפן עלטערן מיט עדיוקאציע אויסגאבן.

נו, וויאזוי
זאגט מען
'קאסטומער
סערוויס'
אין אידיש?
מלבוש.
MALBISH

חרדישע קניידל

האדמו"ר מגור ביים שבע ברכות בבית סאטמאר

כ"ק אדמו"ר מגור שליט"א וועלכע וויילט די טעג אין די מאנסי אומגעגנט, האט זיך נעכטן דינסטאג מיטאג באטייליגט ביים שמחת השבע ברכות פון אן אייניקל ביי כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א, וואס איז פארגעקומען אויף א פריוואטע פארנעם בביתו נאוה קודש אין קרית יואל.

אין אנדערע נייעס, האט הגאון רבי יצחק יוסף שליט"א וועלכע געפונט זיך אצינד געשטראנדעט אין ניו יארק, אפגעשטאט א באזוך ביים גור'ער רבי'ן שליט"א, ווי עס איז פארצויגן געווארן א שיינעם שמועס.

גאב"ד מאקאווא זיך אומגעקערט פון אונגארן קיין ארה"ק

כ"ק גאב"ד מאקאווא שליט"א וועלכע האט זיך געפונען געשטראנדעט אין שטאט מאקאווא אין אונגארן, האט נאך מערערע שתדלנות פון די עסקנים, ערהאלטן די נויטיגע פערמיטן צו קענען ארויספארן מיט א פליגער פון אונגארן קיין ירדן און פון דארט פארן מיט א קאר עטליכע שעה ביז די גרעניץ פון אר"י אין שטאט אילת, מיט די האפענונג צו קענען מיטהאלטן א חלק פון די חתונה פון זיין'ס אן אייניקל, וועלכע קומט פאר היינט נאכט אין קרית בעלזא ירושלים.

פטירה פון בארימטער מלחין הרב יצחק אונגאר ז"ל

ברוך דיין האמת: מיט גרויס צער ווערט אויפגענומען בחצר הקודש וויזניץ, איבער די הסתלקות פון האי ותיק וחסיד, מגדולי המשוררים בחצרות הקודש, הרה"ח המפורסם רבי יצחק אונגאר ז"ל, וואס איז נפטר געווארן אין עלטער פון 86 יאר.

ר' יצחק אונגאר, איז א נאמען וואס איז ברייט באקאנט איבער די גאנצע וועלט, זייענדיג איינע פון די גרעסטע חסידישע קאמפאזיטארן בחצרות הקודש, וואס א גרויס טייל פון זיינע ניגונים ווערן געזינגען בכיסופים וגעגועים דורך צענדליגע טויזנטע חסידים ואנשי מעשה ביי מעמדים און טישן אין די רעבישע הויפן.

ר' יצחק איז געבוירן בשנת תרצ"ט צו זיין פאטער הרה"ח ר' דוד יוסף ז"ל, אלס בחור האט ער געלערנט אין ישיבת פוניבוזש אין בני ברק, און איז דאן נתקרב געווארן צו מורו ורבו הרה"ק בעל האמרי חיים' זי"ע, וואס האט אים ארויסגעוויזן א חיבה יתירה און האט אים אויך פרעזענליך פארבעטן צו פארפאסן ניגונים, סיי פאר די ימים נוראים און סיי אויף שבתים און ימים טובים.

לעצטנס האט ר' יצחק אנטפלעקט א מעשה נורא, אז נאך די הסתלקות פון זיין רבי'ן דער אמרי חיים איז ער אים געקומען אין חלום און אויסגעלערנט א נייע ניגון. באלד ווען ער איז אויפגעשטאנען האט ער עס אפגעכאפט און אין די לעצטערע וואכן, ווען ער האט געשפירט אז זיינע טעג זענען געציילטע, האט ער אויסגעלערנט דעם ניגון פאר'ן ציבור.

שמחת **החתונה** פון א אייניקל ביי כ"ק אדמו"ר **מבעלזא** שליט"א, די כלה א טאכטער פון בנו יחידו הגה"צ ר' אהרן מרדכי רוקח שליט"א, איידעם ביי כ"ק גאב"ד מאקאווא שליט"א, מיט די חתן א זון פון הרה"ג **ר' אהרן פענסטער שליט"א** ר"ם בישיבת בעלזא אין בני ברק. עס קומט פאר אין די גרויסע שטוב אין קרית בעלזא ירושלים.

שמחת **החתונה** פון החתן אייניקל ביי כ"ק אדמו"ר **מפאפא** שליט"א בן לבנו הגדול הגה"צ ר' מאיר גרינוואלד שליט"א דומ"ץ פאפא, מיט הכלה בת הגה"צ **ר' לייבוש טייטלבוים זצ"ל** הי"ד בן הגה"צ **גאב"ד וואלאוו** שליט"א וחתן כ"ק אדמו"ר **מתולדות אברהם יצחק** שליט"א - אין ביהמ"ד הגדול פאפא אין וויליאמסבורג.

בקשו רחמים: דער ציבור ווערט גערופן מתפלל זיין **לרפואת הרבנית מוויזניץ קיימישא תליט"א** וועלכע געפונט זיך אין אן ערנסטן געזונט צושטאנד און די דאקטוירים האבן אדורכגעפירט א 'טרעיק' פראצעדור צו פארגרינגערן דאס אטעמען. הרבנית **פייגא שפרה בת מרים לרפו"ש.**

שידוכים קניידל

החתן **פנחס יודא** נ"י בן מו"ה **יואל בראוועור** הי"ו (ק"י)
עב"ג בת מו"ה **משה יעקב קאהן** הי"ו (ק"י)
שדכן מו"ה **משה יעקב טענענבוים** הי"ו (ק"י)

החתן **יחיאל מיכל** נ"י בן מו"ה **שמחה גראס** הי"ו (ב"פ)
עב"ג בת מו"ה **לוי יצחק לונגער** הי"ו (ב"פ)
שדכן **אשת** מו"ה **משה שטיינער** הי"ו (ב"פ)

Kneidel Inc | 2 Perlman Drive, Monsey, NY 10977
845-237-9385
If you no longer wish to receive these messages, please click Unsubscribe